294

# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 4־3 (העפט 6־385) 32־סטער יאר מערץ־אפריל 1971, לאנדאן

אינהאלט :

חג־החרות, לכבוד פסח און דעם 19'טן אפריל ........ * * 3
שטעט און שטעטלעך ........ אסתר ערלעכמאן 13
פארגעסענע געשטאלטן, וויגן ליד (לידער) ........ עלא זילבערג 17
נאך קבורה ........ שמעון וווזעק 18
א טאפלטער ווונטש (ליד) ........ אייזיק גאלדבערג 20
צוריקגעקומען, פון פורים־רבס דרשות ........ א. נ. שטענצל 21
די אקטריסע עלען ווינאגראד ........ נעט רובין 32
עלעגיע נאך א פארלוירענעם עדווארד (ליד) ........ אסקאר טאפער 33
תפילין (ליד) ........ שאול טשערניכאווסקי 34

לאנדאנער קולטור ידיעות

## יידיש-ליטעראַרישע שבת-נאכמיטאגס

(יעדן שבת, 3 א זייגער בערנארד באראן סעטלמענט, הענריקעס סט. 33, א.1.

---

אבאנאמענט־פרייז :—26 שילינג פאר א יאר
אין אויסלאנד :—8 דאלאר א יאר
מיר בעטן צו מערקן די נייע אדרעס פון רעדאקציע :־
7 Greatorex House, Greatorex Street, London, E.1, England

**מיר בעטן אונזערע אַבאַנענטן, זיי זאָלן צושיקן זייער אַבאַנאַ־
מענט אָפּצאָל.** דערמיט וועלן זיי פיל פאַרלייכטערן אונזער אַרבעט

---

*Published and Edited by* A. N. Stencl, *7 Greatorex House, Greatorex Street, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Street, London, E.1.*



אינם אינסטיטוט פאר יודאאיסטישער וויסנשאפט ביים לאנדאנער אוניווערזיטעט האט ד״ר יעקב מייטליס געהאלטן א רעפעראט: „מעשה־שטאפן אין אלטע כתב־ידן״. דעם פארזיץ האט געפירט פראפ. ז. שטיין.

ביי „דער לעבעדיקער צייטונג״, איינגעארדנט פונם שרייבער־פאריין און יידישן וועלט־קאנגרעס האט יוסף לעפטוויטש געהאלטן א רעפעראט איבער זיין באזוך אין פוילן. מ׳האט פון זיין רעדן ארויסגעהערט די נאסטאלגיע צו די לעצטע ד׳ אמות פונם לאנגן שאפונגס־וועג פון יידן אין פוילן. דער רעפעראט האט ארויסגערופן א גרויסע דיסקוסיע. פארזיץ: יוסף פרענקל.

ביי דער לעצטער „לעבעדיקער צייטונג״ האט גערעדט מיכאל זילבערבערג איבער לעפטוויטשס איבערזעצונג פון די צוויי ביכער יידישע עסייען, און י. א. ליסקי און י. ח. קלינגער האבן אפגעגעבן א באריכט איבערן סימפאזיום אין פאריז.

„דער צדיק פון מיראנדא״, א בוך דערציילונגען פון י. ח. קלינגער, זער שיין ארויסגעגעבן פון פארלאג „יידישקייט״.

מרים לעווין, די אלמנה נאכן שרייבער שמואל לעווין, אויף איר צוריקרייזע פון ישראל קיין ניו־יארק, האט דא געווײַלט איניקע טעג און אונז מיטגעטיילט, אז דער דריטער באנד פון לעווינס טרילאגיע איז איצט דערשינען אין ישראל, און אלע דריי בענדער דערשיינען יעצט אויך אין עברית מיט א הקדמה פון דוב סדן.

ביי פרוי מרים לעווי, די אלמנה נאכן פאעט יוסף הלל לעווי, האבן זיך צונויפגעקליבן ביי א מסיבה שרייבער און אייגענע מענטשן אפצומערקן די 16־טע יארצייט. קאלעגן האבן פארגלייענט פון זיינע לידער און גערעדט איבער זיין שאפן. דער באקאנטער אקטיאר יידל גאלדבערג האט געלייענט לעוויס א דערציילונג.

דער יידישער פילם, „זיין ווייבס געליבטער״, מיט לודוויג זאץ אין דער הויפטראל, ווערט דא געשפילט אין די זונטאגס אין דער וועסט־ענד.

ד״ר לעא שעפלער איז געווארן א בן־שמונים. ווינטשן מיר דעם בעל־היובל צו זיינע „גבורות״, אז ער זאל נאך אנגיין מיט שטארקע כוחות אין זיין געזעלשאפטלעכער און קולטור־ארבעט — עד מאה ועשרים שנה.

איזיק גאלדבערג, איינער פון די מיטארבעטער ביי די „ליטעראַרישע שבת־נאכמיטאגס״ און „לשון און לעבן״ — איינער פון אונזערע גוטע רעציטאטארן — איז פארגאנגענעם חודש געווארן 75 יאר. ביי א גלעזל ווין מיט פארבייסן האבן חברים און דער עולם געוואונטשן דעם בעל־היובל און זיין פרוי נאך א סך געזונטע יארן — עד מאה ועשרים. ביי אט דער געלעגנהייט האט מען אויך געוואונטשן זיי מזל־טוב צו די תנאים פון זייער אייניקל, די גראטענע זשאקלין ריטשמאן.

מיכאל זילבערבערג אין באגלייטונג פון זיין פרוי איז אויף א נסיעה קיין ישראל.

י. א. ליסקי איז אויף א נסיעה קיין ישראל.

ח. נ. בענקוויטש, אין באגלייטונג פון פרוי געיפמאן, איז צוריקגעקומען פון א לענגערן באזוך אין ישראל.

שרה פרידלאנד, אן אקטיוויסטין פון אמאליקן „קולטור־קלוב״ פון דער „אמאטארן־גרופע״, איז אין פארגאנגענעם חודש פלוצלינג געשטארבן.

דער ארבעטער און קולטור־טוער, לייבל ביילי, פארזיצער פון דער אנארכיסטישער גרופע אין לאנדאן, איז פלוצלינג געשטארבן. אונזער טיפער מיטלייד צו זיינע קינדער, אייניקלעך און אור־אייניקלעך.



# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 3־4 (העפט 385־6) 32־סטער יאר מערץ־אפריל 1971, לאנדאן

## חג־החרות

די ערשטע באפרייט צו זיין מיר געוועז,
און די לעצטע גאר מיר מוזן זיין —
„המתחיל במצוה אומרים לו גמור״
דערפאר אפנים אונזער אייביקייט,
בכל דור ודור — דור אויס, דור־איין.

וואו נאר א לאנד אונזער האנט צוגעלייגט,
וואו נאר א פאלק געמונטערט מיט מוט;
מיט אלע פארשקלאפטע אין גאר דער וועלט,
געשטעלט זיך אין רייען, אין ערשטע —
צו באפרייען ס׳גיסט זיך אונזער בלוט.

דערפאר אפנים אונזער אייביקייט,
ווייל קיינמאל פארשקלאפונג נישט אויפגעהערט?
אט־אט א משהו נאר, א האר נאר בלויז,
אן איינציקע רגע, אן אויגנבליק
און די גאנצע ערד א באפרייטע ווערט —

ווי טיף עס גליט אין הארצן דער גלויבן,
די באפרייאונג־גלעקער שוין מען הערט!
אבער אט א משהו נאר, א האר בלויז,
און שטאט ברידערלעך זיך ארומנעמען,
בליצט־אויף אין הענט גאר בלוטיקע שווערד.

אויב דאס־א דער סדר פון דער וועלט,
פאר שטיקעלע לחמא־עניא ברויט
איינער דעם אנדערן הרגענען קען?
וואס העלפן קשיות, וואס נוצט א תירוץ,
ווי ווייס, ווי שווארץ די הויט, פאן ווי רויט —

כלנו חכמים — האט דען א שיעור
ווי רשעות קאן זיין ביטערדיק־קלוג?
ווי א סיקענדיקע שלאנג זיך דרייט זיך!

בלויז דיינ: ביז ער ווערט צעבראכן,
ס׳גייט צום וואסער צומאל שטארקסטער קרוג.

אז דער מענטש א באפרייטער דאך וועט זיין!
יא, פאר דעם אייביקן גלויבן בלויז,
עבדות, שפלות אמאל אויפהערן מוז,
דיינו, אלע לייד, אלע פיין ס׳לוינט —
בכל דור ודור, דור־איין, דור־אויס.

## לכבוד פסח און דעם 19טן אפריל

— אזא „אז ישיר" געזאנג —

איז צו פארשטיין, טויט־פארהונגערטע, פארמענצעטע
מיט א מאלאטאוו־פלאש, מיט א רעוואלווער אין האנט,
שטייען אויף קייגן דער מעכטיקער דייטשער „ווערמאכט",
א נצח־נצחון־זיג מנצח צו זיין —
איז דאס משיג צו זיין מיט א מענטשלעכן פארשטאנד?

א בלינדער שמשון הגבור די זיילן ברעכט איין,
„אך הפעם!" צוזאם מיטן פיינט באגראבן צו זיין!
און זע ביזגל היינטיקן טאג געבליבן דער העלד — —
די נעמען פון די ווארשעווער געטא־גבורים
מ׳וועט געדענקען ווען הונדערטער דורות שוין פארגיין.

וואונדערלעך, אין דער נאכט פון יציאת־מצרים,
גרעסטער נס פון אונזערע נסים ווידער געשען;
פון די לעבעדיק באגראבענע ברידער־קברים
אויפגעשטאנענע, גאז און פלאמען איינגעהילטע —
אזעלכע קדושים־העלדן די וועלט נאך נישט געזען.

און ווער זיינען די באשיצער, שטאלץ און אן ציטער,
וואס שטייען איצט ווי א מויער פאר דער כותל־וואנט?
א חייל וואס ציט זיך איבער גאנצן ערד־קיילעך,
צענדליקער דורות פון תליות אפגעריסענע,
קוים אנטרונענע פון פלאקערדיקן שייטער־בראנד.

עס האט משה מיט זיין שטעקן דעם ים געשפאלטן,
באפרייט פאלק דורך טריקענישן ס׳זאל אריבערגיין —
ימים־בלוט, געשפאלטענע קעפ, גאולה־גאנג יעצט,
יעדער מעפיל, יעדער עולה קריעת ים־סוף נס — —
די וואונדער געדענקען ווילאנג די וועלט וועט באשטיין.



ווי וואונדערלעך, ביי באפרייאונג פון לאנד מצרים,
צי איז נישט געווען די ערשטע פלאג די מכה דם?
באשיצער און באהיטער, מוז זיך טאקע ווידער
אנהייבן אונזער באפרייאונג, אונזער דערלייזונג,
מיט אזא מין מכה ווידער אצינד — אסוואן־דאם?

צי מוזטו ערשט הארט מאכן די מענטשלעכן הערצער,
דיין אצבע־אלוקים די פעלקער זאלן דערזען?
צי קאנסטו נישט ווייך מאכן אלע אונזערע הערצער,
דיין „לא תרצח"־געבאט אלע מענטשן דערפילן?
איז דיין „אנוכי"־גרויסקייט גאר, די מכות, די צען?

ס׳האט זיך אנגעהויבן מיט ישראל און מצרים,
דער געוואלטיקער שחט־געראנגל — הערשאפט און קנעכט!
וויפל הרוגים, גבורים, און ס׳נעמט נישט קיין סוף — —
זאל זיך דאך שוין באווייזן דיין יד השם,
געשטרעקט מיט שלום, געאייביקט מיט גערעכט און רעכט.

## א „חד גדיא"-ליד

ס׳איינציקע ציקעלע פאר צוויי גילדן
וואלט דער טאטע עס נישט געטון קויפן,
נאר געלאזן עס פריי אזוי און לוסטיק
אויף דער גרינער לאנקע ארומלויפן.

פון מאמעס ווארעמען מילך־אייטער
ס׳זייגנדיקע נישט אוועקגעריסן,
נישט געקומען צו אלע געשלעגן — —
פייערל געברענט? הינטל געביסן?

ס׳לאשטשענדיקע קעצל נישט געגראטשעט זיך,
דאס שטאלצע שטעקעלע נישט געשלאגן;
ווען נישט די צוויי גילדן, די צוויי גילדן,
נישט געקומען ס׳וואלט צו אל די פלאגן . . .

אן אויפהער און תמיד ווי א מזמור
ס׳לוסטיקע וואסערל שטיל גערינען;
ס׳מילך־ווייסע, ס׳גין־גאלדענע ציקעלע,
עס וואלט זיך רק געשפיגלט דערינען.

קיין מרוטשענדיקער אקס נישט, קיין חלף,
קיין מלאך־המות נישט געווען,

צומאל כביכול אליין — אבער אויך
דאס שיינע מעשהלע נישט געלעזן.

אן איינציק ציקעלע פאר צוויי גילדוין,
און וואסער געשיכטעלע געווארן — —
ובשכר זה דער שופר של משיח,
מ׳וועט טאקע מאכן פון זיינס א הארן.

און דעמלט ווען משיח וועט קומען,
פריי אין פעלד ציקעלע ארומיאגן,
קעצעלע נישט גראטשעט, הינטעלע נישט בייסט,
און שטעקעלע הינטעלע נישט שלאגן.

וואס מיר שוחט, וואס מיר מלאך־המות?
אקס גאנצע טעג רק ביים קוואל זיך קוויקן — —
דאס מעשהלע גאט אליין איפשרייבן,
פאווע־בריוועלע אראפצושיקן.

## אליהו־הנביא באלאדע

„עד מתי אתם פסחים על שתי הסעיפים“

פסח צו חצות, שפעט נאך האלבער נאכט,
ווען אליהו באווייזט זיך אין טיר,
טיף אין גארטל פארשטעקט די שארפע האק
אויף פלייצע, זאק מיט ניסים אן א שיעור.

צום פאלק קומט ער, פונקט ווי איינער פון זיי,
און צו אייך ווי איינער פון אייך, ווי איר.

א פויערישע קוטשמע אויפן קאפ,
אבער וואוילעריש פאררוקט אויף א זייט —
„לדורון ולתפילה ולמלחמה“!
אויף אלצדינג איז ער, אליהו, גרייט.

ווען צו העלפן אים, דעם געשלאגענעם,
דעם גערעכטן, דעם ארעמען, עס גייט.

געוואלטיק די פרייד ווען ער באווייזט זיך,
ווען ער נעמט פון פלייצע אראפ דעם זאק;
ווי פינקלדיק פלינק עס איז זיין גוט אויג,
נאך בלאנק־געשליפענער זיין שארפע האק.

צו רגע ר׳איז דא ווען געשלאגענער
אונטערשטעלן שוין מוז די צווייטע באק.



ווי היימיש ער באטרעט ארעמסטע שוועל
און דעם זאק זיינעם מיט פרייד ער צעבינדט,
אזוי האק זיינע ער ציט פון גארטל
מיט גרימצארן — א ווילדער שטורעמווינט!

מיט בלוט באשפריצט ס׳איז אייער ביישטידל
ווען ער אויף זיין פייערוואגן פארשווינדט —

אינם זעלביקן זאק, וואס געטראגן,
גאלע גוטסקייט ער האט גאנצע פעק,
אין זעלבן אליהו־הנביא זאק,
אפגעהאקט אייערע קעפ טראגט ער אוועק —

ווילאנג „צוויי־ר׳ליי שוועלן“ ס׳וועלן זיין,
ארעמע און רייכע — צו מארד קיין עק.

## ווארשעווער געטא־אויפשטאנד־„פייערונג“...

מיין שוועסטער צימעלען צום אנדענקן

אין א האלב־ליידיקן שולכל וואו,
א „מלא“ ס׳וועט נאך מאכן א חזן
נאך די מיליאנען קדושים־קרבנות,
אויף שייטערס פארברענט, דערשטיקט אין גאזן.

אויף ווארשעווער געטא־אויפשטאנד פייער
גאר פייערלעך די זעקס ליכטלעך פלעמלען,
בלויז פון פייערדיקן „ספיטש“ פון רעדנער
דער מנין יידן „פייערלעך“ איינדרעמלען.

מיר האבן שוין פארגעסן דעם סוואנד־ריח
פון קרעמאטאריע פארברענטע לייבער;
לכבוד דעם ניינצנטן אפריל טינטלט,
פאליטיש לייד־ארטיקל א שרייבער.

ווי הויך די קופעס אש זיינען געווען,
פון ווינטן שוין צעבלאזן, צעטריבן;
נישט נאר דער לעצטער פונק וואס אונטער זיי —
דער וואס אין הארץ אויך שוין נישט געבליבן.

די „צדקה תציל ממות“־פושקע,
צומאל זי אפילו טויט־פארשוויגן —
אז א פולע אן אנגעשטאפטע זי איז
מיט דעם „שילומים־געלט“ וואס געקריגן.

פארשעמט, נישט איינער לאזט אראפ דעם קאפ
אין „קדושים־וואלד" מאנכע פון די ביימער:
אין זכות פון א געפאלענעם קדוש,
א שטאלץ־איינגעווארצלטער איך שטיי מיר.

שבועות: „נישט פארגעסן, נישט פארגעבן!"
מיט געביילטער פויסט דעמלט געשווארירן,
שוין לאנג פארגעסן צוזאמען מיט די,
וואס יעדערער פון אונז האט פארלוירן.

## 19טער אפריל, תשל"א

וואלט איך מיך געקענט אוועקשטעלן אזוי,
א יתום צווישן יתומים קדיש זאגן;
חזן א „מלא רחמים" לאזן מאכן,
„תחנון" פרעפלען און אין הארץ מיט פויסט זיך שלאגן.

כ'קען דאס נישט און אז איך טו עס — עס איז נישט!
פלעגן זיך מיר ווערטער אין הארץ צונויפשטעלן,
די טרערן דעם ריטם געטון אפציילן,
איז א ליד דערפון געווארן — צום געפעלן!

א, נישט לזכרון פון די קדושים,
נאר אומשטערבלעך, במחילה, איך זאל בלייבן...
מיט אויגן פול טרערן כ'פאל „תחנון" פאר אייך,
כ'שעם מיך מיין געפאלענעם קאפ אויפצוהייבן.

מיין אייגענעם שאטן מורא צו דערזען,
פון דעם וואס געשען, שפינוועב־ליד גאר שפינען?
ווערטער אזעלכע מטושטשע כ'שעפטשע,
א פארלוירענער יתום אראפ פון זינען:

אז מיט דער פויסט, וואס נקמה געוואלט נעמען,
אין אייגענעם הארצן ווידוי זיך גאר קלאפן?...
ווי טרויעריק, ווי פארלוירן עס צאפלט,
ניין, נישט זידיקע טרערן, צום ריטם טראפן —

אן אן אויפהער אזוי א טרער נאך א טרער —
צוויי אייזיקע קוואלן די אויגן צערינען:
נאך דעם וואס געשען און פון דעם וואס אצינד,
דעם קל מלא רחמים וואו קאן מען געפינען?



## אזא ליד צו גאט אצינד

מוסטו ווידער אויסגיסן דיין צארן
אנשטאט אויף אונז — אויף די כותל־שטיינער?
נישט מיט ליבשאפט — מיט נקמה, חלילה,
צו בלייבן — איין און איינציקער איינער?

מיר זיינען דאס דיין שעיר לעזאזל?!
אויב דאס דיר אצונד געלינגען,
לעצטער „גוטער ייד" חצות נאך אפריכטן
און די קירכן־גלאקן נאך דיר קלינגען.

נישטא מער יענע בתי־מדרשים,
אויף דאך צו פאשען עזאזל־ציגן;
און די סינאגאגעס? אין נאך איין דור
און יידישע קינדער ס'קריסט־קינד שוין וויגן.

דאס חד־גדיא ווייסע ציגעלע
מלאך־המות אויף כשר געקוילעט,
און וואו ביסטו געווען, זאלסט זיין רעכט טון,
אז קיין מארד אויף דער וועלט נישט מער שולט?

דער איין איינציקער פון די דריי גלויבנס
ווילט זיך דיר אויף בארג ציון איצט בלייבן?
אויב נישט דאס געבאט פון אלע מענטשן
זאלסט זיין, וואס נוצט אט אזא מין גלויבן?

יא, מיר זיינען דיין שעיר־לעזאזל,
מיט לעצט געבעטש דיין גרויסקייט צו זינגען:
וואסער רחמנות — נישט אויף אונז — אויף דיר,
אויב דאס דיר אצונד ווידער געלינגען?

## „אזוי גייען מיר זינגענדיק און טאנצנדיק" (א דועט)

— קאן מען טויזנט יאר פארווארצלט לעבן,
אינגאנצן עוקר מן השורש זיין?
און וואס מיט רמ"א מיטן מהרש"ל,
דורי־דורות גאונים הייליק געביין?

וואס מיט די צדיקים, גוטע יידן,
מיט די אלע תמימים און יודעי־חן?
מיט די ליכטיק־צשריבענע שטערן
און גליאיקע הערצער פול זונענשיין?

און וואס מיט עמך — די פּראָסטע יידן,
ס׳שטיקל ברויט צו פאַרדינען, ערלעך ריין,
לעצטן ביסן פון מויל אָפּגעריסן,
אוועקגעשענקט און געהונגערט אַליין?

— אויב איז נאָך פון די פאַרברענטע שולן
איין שול ערגעץ־וואו דאָך געבליבן שטיין,
מיט בעטשענדיקע קאָזעס אויפן דאַך
מיט זינגענדיק ווייס ציגעלע — נאָכגיין.

מיט די קדושים פון די קופּעס אַש,
פון זייערע קברים זיי וועלן אויפשטיין,
מיט „בני היכלא דכסיפין״־ניגון
זיי וועלן נאָך ארץ־ישׂראל גיין.

טויזנט שטעטלעך ביי די הענט זיך האַלטן,
אנשים, נשים וטף, גרויס און קליין,
און זינגען דאָס „גאָלדענע קייט״־געזאַנג,
בגילופין פון יין־המשומר ווייַן:

„אַזוי גייען מיר, זינגענדיק, טאַנצנדיק״,
יאָ, די אייזערנע בריקן פאַלן איין,
אָבער די צעפליגלט־פּאַפּירענע —
און דער וואָס גייט פאָרויס — ס׳איז גאָט אַליין.

צי רייסן זיך דען נישט קוואַלן אַדורך,
דורך קיזל־האַרטסטן פעלזן געשטיין?
איז וויאַזוי אין אונזערע הערצער
איינהאַלטן דעם כליפּ פון אונזער געוויין?

## ביים פּרץ־אוהל

ווער וועט ליגן הא־יאָר אַ בלימל ביי זיין קבר?
עס צו טון איך האָב נאָך די זכיה געהאַט;
מיין האַרץ צוקאַפּנס אַ קנייטל זיך אַנגעצונדן,
ס׳פאַרבלאָסט אין דער אַפּריל־זון, צאַנקנדיק מאַט.

„יתגדל ויתקדש!״ ווי גרויס ער געמוזט זיין,
דאָס וואָס גייט אָנקומען ער האָט עס געזען,
ווי געני, ווי מעסער־שאַרף, ווי נביאיש געוואוי — —
און געקומען דער אחרית־ריס — ס׳איז געשען!



אין טרערן־געטריף — חלב־געשמעלץ, די אַפּריל־זון
לעשט זיך — אַן אַש־שניי, זי פאַלט אַראָפּ, גייט אויס —
פון אוהל אַרויס דאָס גרויס־זעעוודיקע אויג
מיר נאָכגעקוקט — זיין צעבליטע „רויטע רויז״:

„כשושנה בין החוחים״ ווי צווישן דערנער . . .
בלויז וואָס מער זיי שטעכן, רויטער זי ווערט —
ס׳פלאַמיקע וואָרט איינמאָל דערהערט, קיינמאָל נישט אויפהערט!
אַז אַ פּרץ אונז געווען נאָך באַשערט.

## פרילינג - זון אויף מיין וואַנט („עת הזמיר הגיע״)

1

איז עס פון הער פרימאָרגן־אויפגיי זון
דער ליכטיקער קוואַדראַט איצט אויף דער וואַנט?
אָדער שפּיגלט אַ שויב קעגנאיבער,
אונטערגייענדיק שוין אויף מערב־וואַנט?

אין לייכטן געציטער פונם געשטראַל
כ׳דערקען: פון קעגנאיבער, פון דער שויב — —
און ס׳האַרץ טוט פּלוצלינג אַזאַ מין וואַקל,
ווי דער ציטערדיקער זייל זונען־שטויב.

2

אָבער דאָס לוסטיקע גערויש אונטן
פון די קינדער זוניק־קלאָר איז דאָך וואָר!
און אַקעגנאיבער אויבן אויפן דאַך
דאָס זיס־וואָרקנדיקע טויבן־געפּאָר.

בלייב איך זיצן אַ שטילינק־פאַרטראַכטער,
ווי איך וואָלט מיך אין עפּעס וואָס דערמאָנט —
אַ קלאָרע פרייד צאַפּלט אויף אין מיין האַרץ:
באַקאַנט קולכל, דאַכט זיך, כ׳האָב עס דערקאַנט.

3

ווי שיין ס׳קאָן זיין די זון ביים אונטערגיין,
נישט דווקא ווייט — דאָ אין בלאָק־קוואַדראַט!
נישט צווישן בערג, נישט ביים פרייען ים־ברעג — —
ווי ענג — ס׳קנאַספּעט קיין צווייט, ס׳גרינט נישט קיין בלאַט.

קיין ווינטל־שוועבנדיק שוועלבל געטשוויטש,
אַליין מען זיצט, אויף ליידיקער וואַנט מ׳קוקט —

שאטן בלויז פון א שפיגלדיקער זון
ערגעץ ווייט־וואו צום אונטערגיי זיך רוקט.

4

ווי מרה־שחורהדיק עס ווערט א וואנט
ווען לעצטער שטראל פון איר פארשווינדט;
און די צוויי טויבן אויבן אויפן דאך —
ווי שיין דער זון־פארגיי מוז זיין אצינד.

דאס הארץ ווערט שוואכער, דער מוח נאך מידער,
אבער דאס גערויש וואס פון אונטן קומט!
ווי לוסטיק, ביז ארויף צו מיר עס שוימט,
און מיין הארץ א ווארקנדיקע טויב ברומט —

5

א קוואדראט ליים פארשמירט איבער דער טיר,
אין הימישן נעסט אויף מיין טאטנס וואנט:
„אויב דיך פארגעסן, ירושלים,
פארגעסן זאל ווערן מיין רעכטע האנט".

די פסח־טעג זיינען אנגעקומען,
אויפגעלויכטן דער קוואדראט איבער טיר;
דער הויף א טורטל־טויב צעזונגען,
„שיר — א געזאנג". . . נאך זינגט עס איצט אין מיר.

## פרילינג־ליד האיאר

איינגעהילט אין בלויען תכלת־הימל,
מיט ווייס־צעשטרעקטע, בענטשנדיקע הענט,
שטייט דער פריש־צעבליטער בוים אין דער זון
און שיט ברכות־צוויט אן א סוף, אן ענד.

דאס יונגע פייגעלע — א כהנדל,
אקארשט פונם נעסטל ארויסגעשוועבט,
ציטערט מיט די פליגעלעך און זאגט נאך:
„יברכך" — דאך פרילינג דערלעבט.

בלויז אן שלום — צוקאפנס פון א מת
שטייט יעדער בליטן־צעקנאספעטער בוים,
און דאס געטשוויטשער פון די פייגעלעך,
נאך זייער טאטן א קדיש יתום.



האב איך מורא דעם בליק אויפצוהייבן,
די זון הענגט איבער מיין קאפ ווי גאטס טרער —
אז וואס נוצן אלע גוטע ברכות?. . .
ביז דעם „וישם לך שלום" כ'דערהער

בייג איך מיך אראפ צו דער מאמע ערד,
אין פייכטן טוי כ'טונק מיינע הענט איין,
און מיט צוויי צעשטראלטע פרילינג־אויגן,
פרייד־צעציטערט כ'שעפטשע שטיל נאך „אמן".

אסתר ערלעכמאן

## שטעט און שטעטלעך

נאך דעם גרויסן יידישן חורבן פון דער לעצטער וועלט מלחמה, דערוויסן מיר זיך, אז יעדער ייד, פון פוילן, רוסלאנד, און אנדערע לענדער, האבן געהאט אייגענע שטעט, שטעטלאך און דערפער. מיין שטעטל, דיין שטעטל, אונזער שטעטל. אלע חרוב געווארן, די גרעסערע, די קלענערע, אלע יידן ריין, דערמאנען יידן גערעטעוועטע, פון גרויסן פייער, זייער פארלארענע היים, האבן לאנדמאנשאפטן אין אלע לענדער, געהאלטן פאר זייער חוב, צו פאראייביקן, די אומגעקומענע, מיט א דיינקמאל, אין דער פארם פון א יזכור בוך. און אין די יזכור ביכער ווערן געשילדערט, פארשידענע טיפן, פון שטעטל, ווו זיי זיינען געבוירן געווארן.

עס זיינען געווען יידן גבירים, ארימע לייט, שיינע בעלי הבתים, פרומע, און פרייגעזאנענע, ארבעטער מאסן, למדנים. מ'באהאלט ניט אויב עס איז ערגעץ געווען א יידישער, גנב, אדער, א פארשקלאפער יעדע שטעטל האט געהאט אויך כאטש איינעם, אדער איין משוגענער, א גאנצן, אדער אביסל. יעדע פון די האט געהאט זיין אייגנארטיקייט, ספעציפישקייט קיין געפערלעכע זיינען זיי ניט געווען, און לייענט מען די יזכור ביכער, זעט מען אז אלע שטאט און שטעטלעך האבן עפעס געהאט געמיינזאמעס, עפעס, אדער אינגאנצן ענליך איינע צו דער אנדערער, דער יידישער לעבענס שטייגער איז געווען כמעט דער זעלבער, מיט הילפס ארגאניזאציעס, ביקור חולים, חברה קדישא, און נאך אנדערע מענטשליכע מנהגים, ריין יידישע! פון איינער אזא קליינער, יידישער, ווייס רוסישער, שטעטעלע, מיט וועלכער איך בין גוט באקאנט געווען. איז צווישן אט די אלע שיינע, ריינע, גוטע, פרומע יידן, געווען א מערקווירדיקער, פרוי, וועגן וועלכער עס ווילט זיך מיר דערציילן, איר נאמען איז געווען חוה. גערופן האט מען איר חוה די משוגענע

פאר וואס? ווייס איך נישט, אין וואס עס איז באשטאנען איר משוגעת. וייל איך בין געווען נאך זייער יונג, אבער איך האב גענומען אנטייל מיטן

רייצן איר, צום ביישפיל, אנשטאט חוה, האבן מיר קינדער איר גערופן חוטשע, און פאר דעם האט זי אונז געדראט מיט איר שטעקן, מיט וועלכן זי האט זיך קיינמאל נישט צושייד. דער שטעקן איז געווען איר באשיצער, קעגן אונז קליינוואַרג. זי איז געווען זייער, זייער, אלט, און קיינער פון שטעטל, האט נישט געוווסט פון וואנען זי האט זיך גענומען, ווייל די עלטסטע יידן און קריסטן האבן איר געדיינקט אזוי ווי זי איז, ווען זיי זיינען נאך געווען יונגע קינדער. דער פנים אירער איז געווען ענליך צו עפעס א זעלטענעם פויגל, קליינטשיק אויסגעטרוקנט אזוי ווי געמאכט פון לעדער, מיט א שפיציק נעזל, ווי א שנאבל, מיט א קעפעלע. פון א ליאַליקע.

איר קליידונג איז געווען אזעלכע, וואס מיר פשוטע מענטשן האבן ניט געקענט פעסטשטעלן צו וועלכער עפאכע זיי האבן געהערט. זיי זיינען געווען זייער אלט, און האבן געטראגן אויף זיך סימנים, פון גרויסן אלטפרענקישן רייכטום, דאס זיינען געווען זייער לאנגע, און ברייטע קרינאלינעס, מיט זעלטענע באפוצונגען, ווי קאלירטע, בלישטשענדיקע, פאטשערקעס און קרושעוועס, און פון שטאפן סאמעט און זיידנס, זי האט געהאט עטליע אזעלכע קליידער, זיי זיינען געווען איינגעטיילט, אין וואכעדיקע, און שבת יום טובדיקע, און זי האט געטראגן אלע מיט אמאל אויף זיך אויס מורא אז מ׳וועט זיי צוגנבנען ביי איר. אלע קליידער האבן געהאט גרויסע קעשענעס, און איינער אזא קעשענע זיינען געלעגן א פעקל מיט געלע, אלטע, צוריסענע, שטיקלעך פאפיר, קיינער האט זיי נישט געקענט לייענען, ווייל די ווערטער, די גאנצע שריפט איז שוין געווען אפגעמעקט פון אלטקייט. אבער ווער איז זי? אז עס איז געווען שווער צו פארשטיין וואס זי רעט, ווייל קיין ציין האט זי נישט געהאט, זי האט געזאגט, אז זי שטאמט פון רבנים. עפעס אמת, איז אין דעם געווען. ווייל זי איז געווען פרום, און האט געקענט, אויף אויסווייניק, דאווענען, וואכעדיקע, און יומטובדיקע תפילות, דעם גאנצן טייטש חומש, און אנדערע. מיין באבע, און מיין מאמע, האבן געהאט דרך ארץ פאר איר מיין באבע האט דערציילט, אז ווען זי האט איר הערקענט האט מען נאך גוט פארשטאנען וואס זי רעט. אין די זומער טעג, פלעגט זי ארומגיין איבער וועלדער, פעלדער, און לאנקעס, און אויפקלייבן די פעדערן וואס פויגל און גענז, האבן פארלארן. זי האט אין אירע קעשענעס אנגעשטאפט די פעדערן. און קומענדיק א היים, איר היים איז באשטאנען פון א אייזן בעטל, וואס איז געשטאנען, ביי דעם ארימען וואסער טרעגער, פאר וועלכער דאס שטעטל האט געצאלט. זי האט געהאט א גרויסן זאק, און דארטן פלעגט זי אריין שטופן די פעדערן, ביז דער זאק איז פול געווארן. פלעגט זי די פעדערן פארקויפן, אבער אויב עס איז געווען א ארימע כלה, פלעגט זי איר אוועקשיינקען די פעדערן, און איז געווען גליקליך. און אויף יעדער חתונה איז זי געווען א מחותנעסטע, און זי האט דאס געהאלטן פאר א מצוה. ווינטער איז קיין פעדערן זיינען נישט געווען, איז זי ארומגעגאנגען איבער די הייזער בעטן שטיקלעך ברויט, וואס זי האט אריינגעלייגט אין דעם זעלבן זאק וואו



זי האט עס צוערשט אויסגעטרוקנט. אז מ׳האט איר געפרעגט צו וואס זי דארף דאס ברויט, ווייל עסן האט איר יעדערער געגעבן ווי נאר זי איז געקומען. האט זי קוים געגעבן צו פארשטיין, אז עס קומט א מלחמה, צוליב דעם וואס די וואס גלויבן נישט אין ג־אט, דערביי האט זי מיט איר פינגער, געוויזן אין דער הויך, ווו דער ג־אט געפינט זיך! דעם קייסער האט זי פיינט געהאט, און האט געוויזן מיטן פינגער צו דער ערד. דאס האט געהייסן אז זי שילט אים, ער זאל גיין אין דער ערד. און אז עס וועט זיין א מלחמה, וועלן מענטשן הונגערן צוליב דעם האט זי געקליבן ברויט.

גאנץ אפט פלעגט זי זיך פלוצלינג צי וויינען אז מ׳האט איר געפרעגט פאר וואס זי וויינט, האט זי אויף איר שפראך, געענטפערט, אז זי איז א יתומה, טא טאטע, טא מאמע, טא מאן, טא קינדער!

ביי אונז אין שטעטל איז מען געווען אזוי צוגעוווינט צו איר, אז עס האט געמאכט דעם איינדרוק, אז זי איז ווי א אלטער בוים, אדער א געוויקס, אזעלכער וואס לעבט אייביק. זי האט אויך פון צייט צו צייט געבעטלט קליין געלט. כאטש זי האט זיך אין דעם נישט גענויטיקט. אבער זי האט געהאט פארגעניגן צו טיילן דאס געלט צו ארימע מענטשן. אזוי איז געווען אונזער חוה, מיר האבן אלע געמיינט אז זי איז אומשטערבליך. אבער די מלחמה איז אויסגעבראכן אין 1914, און פון פרי מארגן האט מען איר געפונען טויט אויף איר געלעגער. צופוסנס איז געשטאנען איר זאק פול מיט געטרוקנט ברויט. און פרומע מענטשן האבן געזאגט אז זי איז געווען שרה בת טובים!

און אזוי ווערן אין די יזכור ביכער, פון די לאנדמאנשטפטן ארויס געהויבן מיט א געפיל פון יראת הכבוד, אלע איינוווינער פון די קליינע שטעטלעך, און מ׳לייענט זיי מיט א זיפץ, א טרער, א בייניקשאפט. נאך דעם אמאל וואס איז געווען, און וואס איז פארניכטעט געווארן. יעדערער געפינט אין דעם יזכור בוך פון זיין שטעטל, עפעס פון זיך, פון דער היים. ווי פארגעס איך נישט, די קליינשטעטשע גוים, מיט וועלכע מ׳האט געלעבט אין גוטער, שכנותשאפט, און פריינדשאפט.

עס האבן געוווינט יידן אין דערפער, און האבן געמאכט א לעבן. אז מ׳האט געפרעגט, א ייד א ישובניק, מיט וואס ער פארנעמט זיך, האט ער געענטפערט, אט, ניט צו פארזינדיקן מ׳דרייט זיך ארום דעם פריץ. עס ווערט דערציילט אן אנעקדאט, אז א דארפישער ייד האט זיך אמאל אין עפעס פארזינדיקט, און איז געשטאנען אין געריכט, האט אים דער ריכטער געפרעגט וואס איז זיין ארבעט, האט דער ייד געענטפערט איך דריי זיך ארום דעם פריץ. דער ריכטער האט פארוווּנדערט געפרעגט, ווי איז דאס מעגליך, אט זאגט דער ריכטער, ווען איך זאל זיך דרייען ארום דיר וואלט איך געמאכט א לעבן. א געוויס נישט, ענטפערט דער ייד, אבער ווען איר זאלט מיר לאזן זיך דרייען ארום אייך הער ריכטער, וואלט איר געזען ווי איך וואלט שוין געמאכט אלעבן!

אט אזוי האט מען געלעבט מ׳האט זיך געדרייט, און ג־אט האט געהאלפן. עס זיינען אייך געווען קריסטן וואס האבן זיך געדרייט ארום די יידן. למשל,

אין מיין שטעטל. (איך האב אויך געהאט א שטעטל) האט געלעבט א ארימער, אלטער פויער, וואס האט ניט געהאט קיין ערד. האט ער זיך זיינע אלע יארן געדרייט ארום די יידן. ער פלעגט ערב שבת, און ערב יום טוב, ארויסהעלפן דעם שמש פון שול. ער האט צוגעגרייט האלץ, איינגעהייצט די אויוונס, אנגעגאסן פריש וואסער, אין האנט פאס, אויפהייגען ריינע האנטוכער, רייניקן די ביינק, די שטענדערס, אויסקערן!

אין דער פרנסה האט אים אויך ארויסגעהאלפן זיין אלטע באבע. זי פלעגט אין די שבתדיקע, און יום טובדיקע יידישע הייזער, אראפנעמען די לייכטערס פון טיש, אויסמעלקן די בהמות, און נאך אנדערע ארבעטן, וואס פרומע, יידישע, פרויען טארן נישט טאן, און פאר דעם האט מען זיי יעדן פרייטיק אפגעבאקן א פרישע בולקע. און נאך עטליכע קאפיקעס.

איבערהויפט האבן יידן און קריסטן, אין די קליינע שטעטלעך אין ווייס רוסלאנד געלעבט בשלום. מ׳האט נישט געוווסט פון קייסער, און נישט פון פאליציי מ׳האט גענומען צום מיליטער אלע גלייך יידן און קריסטן. און מ׳האט זיך געגנזייטיק ארויסגעהאלפן. צוויי געטער זיינען ביי אונז געווען, די יידן האבן געהאט זייער איינציגן גאט, און די קריסטן האבן געהאט זייער גאט, אבער זיי האבן געגלויבט אין דער מעכטיגקייט פון יידישן גאט. און אלץ וואס זיי האבן נישט געקענט אויסבעטן אין קלויסטער, זיינען זיי געקומען צום שמש און אים געבעטן ער זאל אינטערוועניר‏ן ביים יידישן גאט. אויב למשל, עס האט געטראפן זומער א טריקעניש, אדער צופיל רעגנס, און זיי האבן נישט געקענט ארבעטן אויף די פעלדער, עס האט אויך געטראפן אז א קריסטליך מיידל האט געהאט א געליבטן און ער האט איר פארלאזן, איז זי נישט געלאפן צום גלח, נאר צום רב, זיך באקלאגן, און געבעטן ער זאל תפילה טאן פאר איר דער געליבטער זאל צוריקקומען און עס האט טאקע א סך מאל געהאלפן, און דער בחור, איז צוריק געקומען. די אינטערוועניץ ביים יידישן גאט האט דאס גורם געווען. זיי האבן געבראכט האנטוכער פארן שול און אנדערע מתנות, פארן רב, פארן שמש, און פאר דעם גבאי.

עס דערציילט שמריהו לעווין, אין זיינע מעמוארן, וועגן אזא פריינדשאפט, צווישן יידן און פויערים. אויך ביי זיי אין שטעטל.

און אזוי האבן יידן געלעבט, און זיך אויסגעלעבט. אין זייער אייגענעם שטייגער. אזוי האט מען דערצויגן קינדער, און פון די קליינע שטעטלעך און דערפער, זיינען אויסגעוואקסן גרויסע, יידישע, פערזענליכקייטן, וואס זיינען ביז היינטיקן טאג א שטאלץ פאר יידן, איבער דער גאנצער וועלט.

און אזוי וואלט דער יידישער לעבן פארגעזעצט געווארן, ווען נישט דער חורבן, וואס די דייטשן האבן געמאכט. אין מיין שטעטל איז קיינער נישט פארבליבן, מעגליך אז איך בין היינט די איינציקע צו דערמאנען, די שיינע, ווירדיקע יידן, ווייל עס איז ניטא ווער עס זאל שטעלן די מצבה, אין דער פארמע פון א יזכור בוך.

כבוד זייער אנדיינק.





## פארגעסענע געשטאלטן

שטייט אן אלטער בוים אליין,
איינגעהילט אין שווייגן,
אפגעטרוקענט איז זיין שטאם,
אפגעדארט די צווייגן.

ארום אים דער פרילינג גליט
ביימער, בלומען בליען,
פויגלעך בויען זייער נעסט,
גרייטן זיך צו בריען . . .

פול די וועלט מיט זונענשיין
גאלדיג איבערגאסן,
נאר דער אלטער בוים אליין,
שטייט טרויעריק פארדראסן.

קומט אן אלטער מאן צוגיין,
שטיצט זיך אויף זיין שטעקן;
זאפט ער איין דעם זיס פארפיום,
ווי די בלומען שמעקן.

שפארט זיך אן צום אלטן בוים,
מיט א קרעכץ א שווערן,
שאקעלט זיך דער שטאם פון לאסט,
פאלן טראפנס טרערן.

שטייען ביידע זיי פארקלעמט,
קוים וואס זיי זיך האלטן,
קיינער שיינקט זיי א גוט ווארט,
פארגעסענע געשטאלטן.

## וויגענליד

צום אנדיינקן פאר א פריינט וואס איז אומגעקומען אין דעם נאצי חורבן

וואס זשע שלאפסט ניט,
נחת מיינער,
איז דיין הערצאלע פארקלעמט ?
אפשר בענקסט דו
נאך דיין טאטן ?
ווען דו האסט ניט געקענט !

אוי דיין טאטע,
איז געוועזן,
ווי א יונגער הירש געבויט,
שלאנגע גלידער,
אויגן־קוילן,
און די האר ווי פייער רויט.

און אן עלוי,
א בעל־תורה
ער געשמ׳ט האט וייט און ברייט,
אוי ווי האב איך

אים פארגעטערט,
יעדן וואונש אים צוגעגרייט.

איז א שטורם,
אנגעקומען,
א בייזער וויכער אומדערהערט,
האבן רוצחים,
בייזע מערדער,
אונזער פאלק כמעט צעשטערט.

האט דיין טאטע,
ווי א גבור,
מיטגעקעמפט מיט בלויסע הענט,
האט פארטיידיגט,
קראנקע שוואכע,
ביז צום שרעקליכסטן מאמענט.

האבן פלאמען,
אים פארשלונגען,
האבן זיי זיין גוף פארברענט,
זיין נשמה,
זיין בטחון,
ניט פארניכטן זיי געקענט.

שלאף נאר רואיק
נחת מיינער,
ניט דיין הערצאלע פארקלעם
האסט געהאט,
א גרויסן טאטן,
זע, זיין נאמען ניט פארשעם.

שמעון ווזעק

# נאך קבורה

(א בילד פון נאענטן עבר אין פוילן)

מען האט קוים נאך געזען א פאסיקל זון אויפן הימל, ווען דער עולם איז צוריק געקומען פון בית־עלמין, און ס׳איז שוין געווען די לעצטע צייט צו דאוונען מנחה.

דאס גרויסע בית־מדרש איז פול געפאקט מיט יידן אזש ביז צום טיר פון פאליש, ארום דער באלעמער רוקט מען זיך צענויף אין גרופן, און אויגן פינקלען אין דער טונקלקייט פון בין־השמשות.

עפעס איילט מען ניט זיך היינט צו דאוונען מנחה, און קיינער צינדט ניט



אן קיין ליכטביים עמוד, מחמת איצט זענען יידן ניט פאראינטערעסירט אין דער ארומיקער וועלט; זיי זענען שטארק גערירט פון דעם היינטיקן אויסער־געוויינלעכן דערלעבעניש אויפן בית־עלמין און זיי דארפן זיך אט־שוין אראפרעדן:

— — האסט געהערט דעם הספד? ווער האט געקענט וויסן, אז ר׳ יצחק גרשון ע״ה איז געווען אזא תלמיד־חכם און אזוי באשיידן?

— — געארבעט אין זיין מילעכל ביי דער זשיקע, ווי א פראסטער בעל מלאכה, און שא, מער האט קיינער ניט געוואוסט ווער ער איז געווען.

— — אפילו דעם רב אליין פלעגט ער טייל מאל בשתיקה אויפן אויער געבן עצות ביי דין־תורות, און האט געוואוסט אויף אויסווייניק גאנץ ש״ס און אלץ וועגן חושן משפט.

אוודאי, דאס האט דאך טאק דער רב אליין מודה געווען אין זיין הספד.

— — גיי און ווייס עפעס, אז ר׳איז דאך געווען א נסתר אַלע זיינע יארן!

— — מען האט אבער יא געדארפט א טראכט טאן אז ר׳ יצחק גרשון ז״ל איז ניט געווען אבי ווער, ווארן ווער, חוץ ער האט אזוי גוט געקענט פארריכטן אפגעבליאקעוועטע אותיות פון ספרי תורות?

— — און אפילו א קאפיקע ניט גענומען פאר זיין מי ביז שפעט אין חצות אריין.

— — אוי, אזא טייערער ייד אוועק פון אונז אזוי אומגעריכט . . .

— — כ׳האב אים אפט געזען אהיים גייענדיק פון דער ארבעט א באשטויבטן מיט מעל, אבער זיינע מילדע אויגן האבן שטענדיק ארויסגעלויכטן פון אונטער זיינע באמעלטע ברעמען.

פלוצעם הערט זיך פון ערגעץ א שטים:

— — רבותי, מען דארף דאך דאוונען מנחה, באלד שוין צייט צו מעריב, מיר דאכט איך זע א שטערן דורכן פענצטער.

דער שמש האט אנגעצונדן צוויי ליכטער ביים עמוד, און אויף גיך האט מען אפגעדאוונט מנחה־מעריב, און א בלאנדער, בלאסער ייִנגל אין א גרויען כאלאטל האט כמעט שטאמלענדיק געזאגט קדיש און טרערן זענען כסדר גערונען פון זיין בלייכן פנימל (ר׳ יצחק גרשונס איינציקער אייניקל, א יתום פון זיין טאטן).

ווען יידן זענען ארויס פון בית־מדרש שפעט אין אוונט, האבן זיי אנגעטראפן פאביאנען, ר׳ יצחק גרשונס געטרייען העלפער אין מילעכל, שטייענדיק אין דער פינצטערניש א פארוויינטן ביים טיר פון פאליש. א געבראכענער האט ער געהאלטן אין איין איבערחזרן: — מאי באזשע, מאי באזשע, יוזש ניעמא מאיעגא פאנא, מאיעגא דאברענע פאנא (מיין ג אט, מיין ג אט, ניטא מער מיין האר, מיין גוטער האר).

ווער ווייסט ווי לאנג דער געטרייער פאביאן איז דארט ביים טיר אזוי געשטאנען, מחמת ער האט זיך שוין געטרייסלט און קוים געקענט שטיין אויף

זיינע פיס. צוויי יידן האבן אים גענומען אונטער די ארעמס און אים אהיים געפירט אין זיין אבלדיק שטיבל אריין לעבן דעם מילעכל.

דאס שטעטל האט זיך פאר לאנגע וואכן ניט געקענט בארואיקן וועגן דעם טויט פון ר׳ יצחק גרשונען, מ׳האט אלץ נאך גערעדט אין אלע שטובן וועגן דעם נסתר, און יידן און יידענס זענען ארומגעגאנגען פארשוויגענע אין די געסלעך מיט די אויגן צו דער ערד, ווי אבלים.

מיט וואכן שפעטער האט מען ווידער געזען די קליינע פרומעטל, די אלמנה, זיצנדיק ביים ברייטן טויער אין הויף, ביי דער שול־גאס; געזעסן ווי פריער אויפן בענקל אבער איצט ביי קלענערע זעקלעך — רעשטלעך גריצן און קאשע — — מיט א שווארצן טוך אויפן קאפ, און מען האט קוים ארויס־געזען איר דין נעזל און אירע גערויטלטע אויגן, און אירע דארע הענטלעך האבן געציטערט ביים פארקויפן א מעסטל קאשע צו א ארעמער יידענע, וואס האט פרובירט טרייסטן פרומעטלען, אבער ס׳האט זיך געדאכט, אז זי הערט ניט קיינעמס רייד, בלויז א שטילער זיפץ הערט זיך אפט ארויס פון איר שווארצער פאטשיילע . . .

דער זומער איז אוועק און דער ווינטער איז געווען א לאנגער און פראס־טיקער. די טיר פון מילעכל איז געווען פארשלאסן מיט א שווערן שלאס, און קיינער איז ניט געווען דארט אמאל אריינצוקוקן.

אין פרילינג, ווען די זון האט צעשמאלצן דאס אייז אויף דער זשיקע, האבן יינגלעך זיך געשווומען אויף די צעבראכענע ברעטער, ארויס־געפאלענע פון די ווענט פון פארוואַרלייזטן מילעכל.

און דער רב, ר׳ פנחסל, פלעגט אפט א זיפץ טאן:
— — זינט ר׳ יצחק גרשון ע״ה איז נפטר געווארן, זיץ איך תמיד אליין ביי מיין טיש צו מלווה מלכה . . .

אייזיק גאלדבערג

## א טאפלטער וואונטש

— איינעם צו מיין פינף און זיבציקסטן געבוירן־יאר, דעם אנדערן — צום צוזאמענלעבן מיט מיין ליבער פרוי, צביה, פון אריבער א האלבן יאר־הונדערט! . . . 19טער מערץ, 1971 —

די און איך, איך און דו
קוקן ביידע גוט זיך צו
צו די צייטן, וואס פארשוואומען;
צו די צייטן, וואס וועט קומען.

ביידע קוקן ווי פארוואונדערט,
ווי פארפליגן א האלב יאר־הונדערט,



אנגעזאפט מיט לייד און פריידן,
וואס באגלייט האט אונזביידן.

ווען מיר בליקן אויף צוריק,
באגלייט האט אונז אויך ליבעס־גליק,
מיט שטארקע שטריק פארקניפט, פארבונדן —
האט אפט געהיילט אויך שטארקע וואונדן.

יא, יוגנט־לעבן איז אוועק,
און מיר שטייען ביי א ברעג,
וואו מיר ווילן ווייטער שווימען,
נישט געקוקט וואס ס׳זאל קומען.

זאל דער גורל כוח נאך געבן,
ווייטער שפינען אונזער לעבן;
זיין צוזאמען ביז אויף גאר,
מיט פיל געזונטע, גוטע יאר! . . .

א. נ. שטענצל

## צוריקגעקומען

II

אז דער „משולח" צו ברענגען קיין בערלין מיין „און דו ביסט גאט" זאל דווקא זיין אלכסנדר כאשין און דער ערשטער לעזער דווקא נחום שטיף איז שוין מער איראניע ווי א מזל־זאך.

מיט וועלכע ציין בייסט מען איין אזא מין פאעזיע נאך דער סאוויע־טישער דיכטונג? מ׳פילט אבער דאך, אפנים, אויף דער שפיץ־צונג, אז עפעס אן אייגענעם טעם האט עס —

עס מוז דאך אויך זיין א טעם דערין וואס גראד דער פראגרעסיווער שרייבער אהרן בעקערמאן איז געווען דער ערשטער, וואס האט געשריבן איבער דעם בוך.

און אז מיט דער דייטשער ליריק האבן די לידער קיין שייכות נישט, דאס ווייזט דאך בפירוש ד״ר זוהלס ממש ווארט־ווערטלעכע איבערזעצונגען, וואס דרוקן זיך כסדר שוין חדשים אין דייטשע צייטונגען און זשורנאלן.

די דראמע „אין אויפגיין", פון חלוצים־לעבן אין פוילן, וואס איין עק־זעמפלאר געפינט זיך אין דער „שאקן־ביבליאטעק" אין ישראל צווישן די „אוניקומס"! — לויט ווי דער ביבליאטעקאר, דער ביבליאגראף, א. מ. אבער־מאן, האט מיר אמאל געזאגט — איז געווארן אויס מיוחס, ווייל מ׳האט זיך אפגעזוכט נאך אן עקזעמפלאר. וויאזוי? (אז מ׳וועט האלטן דערביי און, אי״ה עס דערלעבן) נעבעך, אפילו דעם יחוס האט זי אויך פארלוירן . . .

די דאזיקע „דראמע", וואס האט זיך געדרוקט אין פארטזעצונגען אין לעווים „לייפציקער יידישע וואכנצייטונג", האט שוין פריער זוכה געווען,

אַז זי זאָל זיך לאָזן הערן און מ׳זאָל זי „טראָגן אויף די הענט“ — נישט זי, נאָר די רעצענזיע־פּלאַכטע אין דער „יודישער רונדשוי“, וואָס לויט ווי מ׳האָט מיר געזאָגט האָט זי דער רעצענזענט באַוויזן אין קאַפע און מ׳האָט זי געטראָגן פון האַנט צו האַנט . . .

ביים טיש פון יאַנקל אַדלער און ישראל גלאַטשטיין, אַרום דער לאַס־קער־שילער, האָט מען נאָר אַנגעקוואָלן: אַ יונג פּאָלט ווי אין וואַסער אַריין און ס׳שווימען גאָר אַרויס גאַנצע לידער־זאַמלונגען, דראַמעס — „מעשוגע!“

דירעקט טאַקע, אין דער נאַכט פאַר מיין צוריקקומען, האָט יאַנקל געמוזט צוברענגען צום טיש דאָס בוך פון כאַשינס טיש און זי האָט זיך גאָרנישט געקענט זאַט אָנקוקן אויף דעם טיף בלויען איינבאַנד מיטן זילבער־גראַווירטער: אַ נאַקעטער, שלאַנקער יונגלינג מיט צעשטרעקטע, פאַרבענקטע הענט צו אַ זילבערנעם שטערן —

„אַך, ווי נידליך, ווי הערצליך קיטשיק — פּאַבעלהאַפט! . . . יאָ, „און דו ביסט גאָט“, יאָ, וואַרהאַפטיג, דער ריכטיגער נאָמען . . . יאָ, אָבער וואָ איסט די בעטאָנונג? . . . יאָ, דאָס איסט דאָך גראַדע דאָס מיסטישע אין דער קאַבאַלאַ . . די בעטאָנונג“ . .

מ׳האָט געמוזט צורופן כאַשינען און ער האָט דערציילט גענוי יעדע איינצלהייט, מיט אַלע פּרטים, פון דער קולטור־אַרבעט, פון דער יידישער ציטונג, פון פּרק־פאַריין און אַז יעצט ליג איך אויף „געלבזוכט“ אין שפּיטאָל.

„אינגאַנצן גאָלד געוואָר, דער האָמיד“. . . האָט זי מרה־שחורהדיק אין זיך אַריינגעשעפּטשעט און אירע שוואַרצע, גרויסע אויגן זענען ווי מיט רויכלעך בלוי איבערלאָפן — „איך האָבע עס געוווסט“.

די סצענע ווי יאַנקל האָט זי היינט, מיט אַלע פאַרבן, אויסגעמאָלן איז געווען בסך־הכל איין נאַכט פריער. היינט, ווען כ׳בין אַריינגעקומען אין קאַפע, אין גרויסן זאַאַל, אַ צעצונדענער אויף אַלע לעמפּ, האָט מיר עפּעס־וואָס געפעלט. „פּנה זיווה פּנה הדרה“ — אַן אַנדערע קאָנסטעלאַציע!

מיט דער סטאַביליזאַציע פון גאָלד־מאַרק זענען אַסך פון די מאָלער און מיט זיי אַ טייל פון די פּאָעטן זיך צעפלויגן — ס׳איז בילעכער יעצט צו זיצן אויף די „ווייכע“ אין קאַפע־דאָם, אויפן מאָנפּאַרנאַס, ווי אין ראָמאַנישן קאַפע.

יאָ, ס׳איז נאָך אַלץ אַ קאָכעניש דאָ ביי די יידישע טישלעך, אָבער נישט מער ווי אין אַ קעסל, נאָר ווי פון טשייניק — די „מיניסטאָרן“ מיט זייערע „סעקרעטאָרן“ פאַרשטענדיקן זיך פון טיש צו טיש, אַ לויפן ווי פון דער „אונטערשטער פּלאַטע“ צו דער „אויבערשטער“. עס זשומט „אַזע“, „דזשווינט“, בראַמסאָן, לאַצקי־בערטאָלדי, און טשעריקאָווער איילט פון טיש צו טיש מיט אַ נייעם פּאָרטפעל —

אָט שטייט ער צווישן כאַשינען און שטיפן, ער רעדט שנעל, גיך; שטיף שאָקלט מיטן קאָפּ: יאָ, יאָ, און כאַשין — אויף גיין! און שוין זיצט ער אַ צעסודעטער ביי לעשטשינסקין און סוועט בייגט צו אַן אויער.



פון דער סאָפע אונטערן שפּיגל אַ צעגלאָצטער מיט טויזנט לעמפּלעך, אונטער וועלכע עס זיצט טאַקע כאַשין מיט שטיפן, פאָלט מיט אַ פאַרוואונ־דערטער, פריילעכער בליק אין די בלענדנדיקע אויגן אַריין און אין האַרץ ווערט מיר פריילעך —

נאָך כאַשינס ברייטן „שלום עליכם!“, איז שטיף׳ס אַפּרייסן זיך ווי עפּעס מיט אַ מין רוגזה: „ווייסט איר נישט, לכל־הפּחות, אַז דאָס וואָרט „גויקעץ“ שטאַמט נישט פון גערמאַנישן „גייגע“, נאָר פונם העברעאישן „עקץ“?!“

יאָ, איר ייוואַט שוין טאַקע?! שמייכלט כאַשין שפּיציק.

נישט ווייסנדיק, אַז די רוגזה שטיפס און כאַשינס סאַרקאַזם קומען פון אַ סכסוך, וואָס איז איצט צווישן זיי און אַז דאָס וואָרט „ייוואַט“ איז נישט קיין רוסישע קללה, נאָר גאָר אַ ראשי־תיבות נאָמען פון אַ קולטור־אינסטי־טוציע, וואָס האַלט זיך אַצינד אין גרינדן, בין איך אויך אַרויס אין אַ „הויכן טאָן“:

„און עפּעס אַנדערש האָט איר נישט אויסצוזעצן? טאָ לוינט אַפילו נישט צו אַ טעפּעלע קאַווע זיך אַנידערצוזעצן“.

„נו, קענט איר דאָך יאָ גראַמען, טאָ וואו זענען זיי אין בוך?“

כאַשין מישט זיך אַריין ווי אַ מליץ־יושר אויף בײדע צדדים: „איינס אַ קליינס דווקא אויסגעהאַלטן נאָך אַלע געזעצן פון ריים און ס׳איז טאַקע דאָס שענסטע“.

„ווען איר וואָלט געוואוסט וויפל טרערן מ׳מוז אין זיך אונטערדריקן, כדי אָפּצואווישן די פאַלשע גראַמען — דאָס זיינען גאָלדענע ציין, אָבער פרעמ־דע“. . מיט דעם „ברוך הבא“ האָב איך מיך גענומען אַפּרוקן פונם טיש.

כ׳האָב דערזען אַדלערן מיט גלאַטשטיינען. אַדלערס וואַרעמקייט, זיין קול שוין, און די פריילעכע לצנות־אייגעלעך גלאַטשטיינס, און איך בין שוין אין דער היים.

ס׳ווערט לעבעדיק ביי אונזער טיש — יאַנקל קוקט מיך אָן ווי איינעם, וואָס קומט פון יענער וועלט: „מ׳האָט דאָך דיך ערשט געזען נעכטן שוין אינגאַנצן געל אויפן טויטנבעט אין אַ לייפּציקער שפּיטאָל“. און צעלאַכנדיק זיך מיט זיין געזונטן געלעכטער, נעמט ער נאָכמאַכן די סצענע „אין גאַנצן גאָלד געוואָרן, דער האָמיד“, און גלאַטשטיין לאָזט אַרויס רעדעלעך רויך פון זיין פאַרשנירלט מויל, דיריגירנדיק מיט זיין פייקעלע.

דער נסתר שטעלט זיך אָפּ ביי אונזער טיש, מסתּם געזוכט וועמען און נישט געפונען: „איך האָב וויכטיקע נייעס. אורי צבי גרינבערג קומט אַ ליאַדע טאָג. טשאַרני האָט מיר אַקאָרשט טעלעפאָנירט. איר הערט, ער שטעקט אייך אַלעמען איין אונטער זיין גאַרטל“. ער זעצט זיך צו אונז צו, מסתּם נאָך געהאַט אויפגעכאַפּט דאָס וואָרט לייפּציק:

„יאָ, אַן די שטעטעלעך, אַן דער ליבער פּראָווינץ, איז נישטאָ קיין שטאָט; וואָס וואָלט וואַרשע, ווילנע, אַדעס געווען אָן זיי? . . . כאַשין האָט אונז

דערציילט פון אייער לייפציק — אפנים טראדיציע — לאפציקער יאריד!״

„געווען אין רהיינלאנד ביי איירע קוילנגרעבער — אלע ארויס שוין פון די טיפע שאכטן, אפגעוואשענע פנימער, שטייען זיי שוין מיט געגרייטע טישלעך אויף די מערק . . . נישט קיין ווארט־שפיל, א שפיל פון איראניע — פון קוילן־גרעבער איז געווארן קליינבירגער״. . .

„אן דער פראווינץ זענען מיר בדחנים אויף א פרעמדער חתונה — אן אפנעמער וואס נוצט פראדוקציע? . . . מ׳שמועסט, אז דער שטראם ציט יעצט נאך פראנקרייך, כ׳מיין די ארבעטס־לאזע מאסע פון פוילן.״ וויל ער ווי צוגלעטן זיין אויפגערעגטקייט . .

וואס וועל איך אים נאך שווערער מאכן דאס הארץ און אים דערציילן, אז איך בין נישט געקומען אויף א באזוך . . . אז דער פרץ־פאריין אין לייפציק איז שוין עליו־השלום . . . אז די יידישע וואכנצייטונג גוססט, נאך א וואך, נאך א חודש; דער רעדאקטאר לעווי „ציט נישט מיטן שטראם״, נישט קיין פראנקרייך און נישט אין די קוילן־שאכטן פון ליעזש, נאר ער עמיגרירט קיין פאלעסטינע . . . און די צוויי לייפציקער פארלאגן, „מענעס־פארלאג״, „שמש־פארלאג״, זענען נעמען פון דער הפטורה . . .

כ׳האב דערזען די צוויי באטיק־מאלערינס, די צוויי ווארשעווער יידישע מיידלעך, צווישן א כאפטע בלאנדע בחורים, מסתם אקאדעמיע־חברים, און נישט געברויכט אפילו מיך צו אנטשולדיקן וואס איך דריי מיך אוועק פון אונזער טישל און גיי צו זיי אריבער.

איינער קאכט זיך: „מיקעל אנדזשעלא? רעמבראנדט? זאגאר אונזער פראנץ מארק — פארגאנגענע צייטן! נייע הימלען, נייע פארבן — דאס באוהאוז אין וויימאר מאלט נישט, עס באוט, קאנסטרוקציע, טעכניק!״

איך ווער מיט־אריינגעצויגן אין דער דיסקוסיע: „די גרעטל קאנסטיטוציע״.
„דו מיינסט די וויימארשע״. . ס׳ווערט א געלעכטער.

פלוצלינג זע איך ווי איינער בויגט זיך איבער מיר, דעם קאפ גענייגט אזוי אויף א זייט — א ווירטואז וואלט געסטראיעט זיין וואלנטשעל און דאס יידיש מיט אזא דין ציענדיקן רוסישן אקצענט:

„מ׳האט מיר אנגעוויזן אויף אייך, כ׳האב צו אייך א טובה״.

כ׳הויב אויף די אויגן און כ׳וויל מיר נישט גלייבן: כ׳דערקען יענעם טשערניכאווסקי־קאפ נאך פון די פאטאגראפיעס, נאך פון דער היים — א לייבן־קאפ מיט לאכנדיקע טורטל־טויב אויגעלעך; כ׳שטעל מיך אויף כעבדא קמי מרא: „איר צו מיר?״

זיין פנים צעשטראלט אין גרוילעך־בלאנדלעכן לאקן־שלל: „מ׳האט מיר געזאגט, אז איר קענט מיר געבן אן אדרעס פון אן איבערזעצער אויף דייטש״.

איך האב מיך דערפילט אזוי קליין פאר מיר, פאר אים, פאר אונז אלע . . אים צוגעפירט צוריק צו זיין טישל און אים געגעבן דעם אדרעס פון ד״ר זוהל.

ווען כ׳האב אים שפעטער באגלייט צו דער באן, האט ער מיר געגעבן דעם אדרעס אים צו באזוכן, אבער בקרוב, ווייל ער „זידלט איבער״ קיין ארץ־



ישראל — אמבעסטן קומענדיקן זונטאג־נאכמיטאג.

ס׳איז נישט געווען קיין פארארט פון בערלין, נאר א ריכטיק דארף, א גאנצע נסיעה מיט דער „קליינבאן״. אויפן וואקזאלעכל נישט געטראפן קיין לעבעדיק נפש, אפילו נישט קיין פארטער אפצונעמען דעם בילעט. איך גיי ארויס — א געדיכטער וואלד.

איך גיי צוריק אריין אין וואקזאלעכל. צוויי שלאנקע יונגע מענטשן קומען מיר אקעגן; די פנימער יידישלעכע. מיר קוקן זיך לאכנדיק אן: „מסתם צו טשערניכאווסקין?״

דאס איז געווען דער יונגער ד״ר שמעון ראווידאוויטש, מיט זיין יונגער פרוי שוין, צי מיט דער כלה נאך — צוויי מענטשן, נאר א ברכה איבער זיי צו מאכן.

כ׳דערמאן מיך מיין טאטנס ווארט: „בחמרא טבא דבי תחדין נפשין״ — אין א גוטן חומר איז דא א שיינע נשמה.

מיר האבן גענומען זוכן די דארף־ווילע, וואו טשערניכאווסקי וואוינט. אבער אפנים אויך ער האט ארויסגעקוקט פון פענסטער אונז צו דערזען — כדי אונז צו „כאפן״, כדי צו פארכאפן א סקאנדאל . . .

ווען מיר זענען אנגעקומען איז ער שוין געשטאנען דרויסן, אנגעטון אין הוט און פאלטן ווי גרייט צו „אנטלויפן״; „קומט, קומט שנעל, איך האב דא א פיין רעסטאראנדל״. ער האט אפנים נישט געוואלט, אז מיר זאלן דערזען ווי זיין פרוי שטייט אן „אנגעלאדענע״ אין דער אפענער טיר מיט א גרויסן, גאלדענעם צלם אויף דער ברוסט. ער באמבלט זיך פון כעס . . טשערניכאווסקי איז שנעל געגאנגען, ממש א יינגל וואס אנטלויפט. מיר אייליק נאך אים, קוים אים נאכיאגנדיק . . .

נאך א ווייל האבן מיר געהערט דעם פעסטן קלאפ פון דער טיר.

* * *

מיין „וואכנטלעכן האנאראר״ קריג איך נאך אין דער ערשטער צייט פאר די זוהלישע איבערזעצונגען און די טעג ציען זיך מיט זייער „נארמאלן״ גאנג . . . און די נעכט? אז איין דיסקוסיע ביי א קאפע־טישל, איין שפאציר אונטערן שטערן־הימל קאן זיך ציען אין העלן טאג אריין . . .

קום איך איינמאל אין די ליידיקע שעהן, ווען עולם איז אין די טעאטערס, ביי קאנצערטן און אין האלב־ליידיקן קאפע זיצט די לאסקער־שילער אליין, א מרה־שחורהדיקע, א פארצווייפלטע, ווי א שיף מיט זויער־מילך וואלט איר אונטערגעגאנגען — מסתם מיט וועם זיך באשטעלט און יענער האט דעם „פרינץ יוסוף״ געלאזט ווארטן.

איך גיי צו איר צו, איר גאנצע היסטעריע אויף מיר כאטש אויסצולאזן:

„אויף דיר ווארטע איך עבען! געקאמען איין ראטער פאן פאלען אונד וויל מיך ערשיסן!! זאלכע ראטע הארע״. . .

איך קוק זי אן און קען קוים עפעס פארשטיין.

„ווי אומפארשעמט, דער „מוזיקער“ בראכטע איהן אין האטעל קאשעל“.

איך האב מיך גענומען עפעס משער זיין. דעם נאמען „מוזיקער“ ברויך זי פאר גלאטשטיינען ווען ער האט זיין האצקישע לייכטיקייט און דרייט צווישן די ציין ס׳פייקעלע מיט זיין איראנישן שמייכעלע. אבער ווער איז דאס „דער ראטע מיט די פלאמען־הארע“? דער „אינדיאנער“, וואס וויל זי דערשיסן?

זי האט ליב זיך צו שפילן מיט פאנטאזיעס, מיט זיך ווי א קינד, ווי מיט פארבן. און ווערטער . . און זענען זיי דען — די שטריכן, די ווערטער! — נישט פיילנבויגנס צום אויסשיסן? אבער דער „פרינץ יוסף“ בלייבט פרינץ: איין טריט נאנט און צוויי פון דער וויטנס . . . מאיעסטעט באליידיגונג!!

דער „פרינץ יוסף“ איז אפנים געווארן טיף באליידיקט!

דאס טאפלטע שפיל אין זיך דאס איז דאך איר קונסט — איר אינדיאנער־פאנצער! — זי שפילט אויס איינעם קייגן צווייטן אין זיך און זי בלייבט גאנץ — איינציק אין איר ארט. פאנטאזיע, איינבילדונג? און וואס איז דאס לעבן?

שוין ביי די נביאים שטייט: „משוגע איש הרוח.“

און דא זיצט פרינץ יוסף און ווארט — שוין א דריי פון דער טיר קאן משוגע מאכן . . . איך ציטער מיט איר מיט אויף.

. . . ווי זאגט דער רמב״ם: „לולא האי כת משתגע היה עולם נחרב“! מ׳מוז זיי לאזן זייערע משוגעתן, זיך אויסלעבן אין זייער היסטעריע . . .

און צי איז דען נישט דאס גאנצע לעבן אן איינריידעניש, א שפיל אזא? מ׳מוז זיי לאזן אויסשפילן די צעריסנקייט, ווערן זיי גאנץ . . . פון די אלע אינדיאנער־מאסקעס ווערט איין מאיעסטעטיש מענטשלעך פנים — —

און זע, פארן גלאז פון דער דריי־טיר שטייט טאקע א רויטער. די האר פלאמען איבערן פארביסענעם לאנג־אויסגעצויגענעם פנים. ער איז פארטראכט. קוים ער דרייט מיט דער טיר — דאס איז ער, מסתם, דער וואס וויל זי שיסן! שיסט עס מיר אדורך דורכן קאפ.

ער קומט אריין. ער זוכן עמעצן, משמעות זיך אפגעשמועסט מיט וועם זיך צו טרעפן — ער גייט אונזער טישל פארביי — זיין פנים נאך אויסגעצויגענער, נאך פארטראכטער.

מיר זעען אין שפיגל ווי זיין פנים פלאמט פלוצלינג, עס ווערט ברייטער, צעשטראלטער, די רויטע האר ברענען — מסתם אין ווינקל דערזעען וועמען ער זוכט.

„דו, איך גיי צו אים צו, איך האב א מעסער אין טאש, איך וועל אים דערשטעכן . דעם רויטן“. איך האב שוין פארשטאנען ווער ער איז.

זי האט געציטערט און מיך פעסטגעהאלטן ביי דער האנט, מיין האנט האט מיטגעציטערט . . .

דעם אוונט האט עס געקאכט אין ראמאנישן קאפעע ווי אין א קעסל! אלע לעמפ אנגעצונדן, זיי פינקלען יום־טובדיק צעשטערנטע פונם שפיגל ארויס. אויף דער פליושענער זאפע קיניגט דוד בערגעלסאן צווישן כאשינען



און שטיפן.

ווי־זא־ווי אונזער צערוישט טישל אונטערהאלטן זיך סטאטעטשנע נסתר־קוויטקא־טשארני —

דער גאסט, אורי צבי גרינבערג, שוועבט פון טישל צו טישל, געטראגן פון זיינע פלאמען־פאטלעס — אט דרייט זיך זיין צעשטראלטער קאפ מיטן צעלאכטן מויל דא אהער און ריידן רעדט ער גאר דארט אהין.

די דאלאר־פאעטן זיצן טאקע אויפן מאנפארנאס — די „לאקשן“ פאר־דייען זיך דארט איצט בילעכער, אבער מיט אונזער פלעיאדע האבן מיר זיך אויך נישט צושעמען —

שוין לאנג נאך האלבער נאכט. ס׳קאפעע נעמט זיך אויסליידיקן, ס׳ווערט שטיל שוין ווי אין אן אויער — „אין אומר ואין דברים“ — דער חשובער גאסט וועט שוין מיט מיר גיין שלאפן —

מיט מיין לייפציקער איינמעלדונג האב איך נישט געוואגט צו נעמען אין בערלין א דירה, וואו איך האב אן אויסוויז. אבער פאר די ביליקע האטע־לעכלעך איז די איינמעלדונג די־והותר און אזויפיל „גאלד־מארקן“ האב איך אויך נאך אין טאש.

אין צוואנציק מינוט זענען מיר ביים שלעזיען באנהויף. א גאנץ אנדערע מדינה — „די פאלאקיי“! נישט נאר די טונקעלע באלויכטונג, נאר עס שמעקט אנדערש — „עס שמעקט מיט היימישקייט!“ . . .

עס האט זיך גארנישט געגלוסט צו גיין שלאפן — פון יעדן טויער און ראג פינקלען אויגן אויף אן אנדערן אופן —

„דא קאן מען באמת קריגן מיט א מעסער אין דער זייט“. . .

„נו, לוינט זיך ארייינצולייגן אין א בעט און צו באצאלן, אז וואנצן זאלן דיך בייסן?“

אבער מיין בוזעם־טאש, וואס האט שוין צוריק אנגעהויבן געשוואלן צו ווערן מיט נייע לידער און, דער עיקר, מיט דער אנגעשריבענער דערציילונג, „וועלק־בלעטער אין ווינט“, האט אנגעהויבן צו רייצן א „צוהעלטער“, בא־האלטן אין א טויער, געמיינט וואסער אנגעשטאפטער טייסטער מיט „ווייכע“ אין „הארטע“ — און דאס פעקל פון מיין בוזעם א צי־ארויס געגעבן.

די שטימונג איז אוועק, אבער אזויפיל איז דאך נאך געבליבן רחמנות צו האבן אויפן טאשן־גנב, וואס האט, נעבעך, געמאכט אזא גראבן טעות: „וואס וועט ער האבן פון דעם גאנצן גראבן פעקל, אפילו נישט אויף אפאר ביליקע זאקן־בענדלעך צו קויפן ביי „טיצן“ פאר זיין „געליבטער“. . .

## פון פורים־רבס דרשות

א.

איז דאך ג־אט מקיים אלע מצוות,
ווי אין דער הייליקער גמרא עס שטייט — — —

מוז ער דאך פורים א כוסה נעמען
א פולע, א גרויסע — שוימיק איבערגייט.

„עד דלא ידע" ווי ס'שטייט בפירוש —
חלילה פארשעמען א קוצו של אות!
די יוצר משרתים טראגן אונטער
איינס נאך איינס א כוס נאך א כוס.

לייכט געזאגט, כביכול אנשכורן,
כאטש אלע שבעה ימים פון לויטער יי"ש;
גאנצן יין־המשומר אויסטרינקען,
ביז נישט בלייבן סע'וועט קיין איינציקע פלאש.

אבער עס שטייט דאך בפירוש געשריבן — —
טא וואס שוין שייך צו ריידן אסך?
פון די עד דלא ידעס שטאמען טאקע
די קרייצצוגען, גלות־שפאניע, שנת ת"ח.

און אחרון אחרון דער נאצי־חורבן — —
ווי נאר כביכול „ארור מרדכי" געזאגט,
געשטאנען אשמדאי שוין א גרייטער,
א בייזער רוח צו דער ערד אראפגעיאגט.

א נס וואס גאט בריך הוא דעם „ברוך המן"
נישט דערזאגט, מיט אים זיך געווארגלט — געשטיקט!
ווען ליליתן מיט אירע לאפיטוטן
דאס אויפצוכאפן איך זיי נאך געגליקט —

יא, „הנה לא ינום ולא יישן"!
איין רגע בלויז כאפן א דרעמל ברויך גאט — —
גאטעניו! און אין דער איינער רגע
ווער אויסדערציילן וואס זיך אפגעטון האט?. . .

ב.

פארוואס ווען אלע יום־טובים בטל ווערן,
וועט דער יום־טוב פורים דאך איבערבלייבן?
נאך א שארפע כוסה נעמט זיך דער פורים־רב,
דעם דאזיקן ענין פאנאנדערצוקלייבן:

הונדערטער מאל שטייט דאס ווארט ירושלים
אין תנ"ך און תמיד „חסר" אויפגעשריבן,



ערשט מלא געווארן ווען נבוכדנצר
אינם פינסטערן גלות אונז געטריבן.

דעמלט ערשט „אשר הגלה מירושלים"
איז ס'יידעלע אין ווארט אריינגעקומען! —
מרדכי היהודי פון שושן הבירה,
ער ערשט די אייביקייט פון שטאט באנומען!

מלא ושמחה איז דאס ווארט געווארן,
צי קאן דען א פרייד זיין פריילעכער, גרעסער?
די צעשטראלטע זון, די פולע לבנה,
יין־המשומר אנגעפילטע וויין־פעסער.

מלא ושמחה דער ייד זיך באזעצט אין ווארט,
צוזאם מיט דער שטאט געווארן של־מעלה;
אז וויפל געיאגט, געפלאגט און דערנידריקט,
אלץ העכער, דערהויבענער ונתעלה.

וואס איז דאס ווארט „יערוזאלעם" אן דעם אות ייד?
א הוילער קלאנג — א שווערד פון שייד געצויגן!
דערהערט מען אבער דאס ווארט ירושלים
מיט יידן, ווערט עס ליכטיק אין די אויגן.

מיט הייליקן אות ייד ווערט ערשט דאס ווארט מלא,
מלא ושמחה — א שטאט פול מיט יידן!
ירושלים עתיקא, עיר השלום
פאר אלע מענטשן, די פרייד און דער פרידן.

שוין דערפאר טאקע נאך א כוסה גענומען,
מיט דער פולער פלאש גופא ערשט פארטרונקען;
פון די פיס געפאלן עד דלא ידע,
אין מתוקה־זיסן חלום פארזונקען —

א ייד זיצט אין ירושלים של מעלה,
קאן אים ווער דען אזא יום־טוב צעשטערן?
דערפאר ווען אלע יום־טובים בטל וועֿרן,
דער יום־טוב פורים וועט קיינמאל נישט אויפהערן.

ג.

— פארוואס דווקא אליהון אויסגעקליבן
צו גיין מיט אונז וואו געיאגט, וואו געטריבן,
אין אונזערע נויטן ער טוט זיך באווייזן,
און ווען משיח קומען אונז אויסצולייזן,

זאל דווקא ער דער שטאפּעט זיין אנצוזאגן
און די גאולה־בשורה ברענגען צו טראגן ?

אויף אלע יארמערק, יארידן, אלע טארגן,
וואו ארעמע יידן דרייען זיך ארום אין זארגן
טעכטער חתונה מאכן, אויף פּסח זיי באדארפן,
פארוואס דווקא ער די מציאות אונטערוואַרפן
און פארוואס צו גיין ער קומט אויף אלע בריתן
צום „בדמיך חיי" — עס ווילט זיך וויסן.

— ווייל פון ווארענעס זיך געלאזן בעסער שפּייזן
און זיין ווארט נישט פארשאכערט פאר קיין שום פּרייזן,
צו קיין שום בעלים־געטער זיך נישט פארדונגען;
זיינע נביאים־רייד אים אזוי געלונגען,
נישט ווייל שיינע ווערטער ער רק אויסגעקליבן —
בלוטיק ווארע און מיט האק זיי אויפגעשריבן.

און דערפאר אויך ווען טיר און טויער מיר אויפשליסן,
אנגעזאמלטן גרימצארן אויסצוגיסן,
אן שום מורא שוין פאר קיינעם זיך צו שרעקן,
קומט ער צו גיין ס'מעגן זיין די ווייטסטע שטרעקן,
צום פרעמדסטן שוין, מעג ער זיין ווי טיף געזונקען,
פון איין כוס מיט אים ברידערלעך — לחיים טרונקען.

ד.

מ'האט געפרעגט דעם פּורים־רב א שאלה,
נישט אויף א פּופּיקל מיט א נאדל,
דערצו זיינען דיינים דא אין שטאט,
צו אים קומט מען מיט א דבר גדול :

„מען מאכט נישט אויף קיין שטאט קיין פרנס, רק
א הויפן שרצים מוז אים נאכלויפן ?
ווי איז דער דין ווען דער פרנס אליין
איז א שרץ ? „בכל אופן ואופן".

האט ער זיך לאנג געקראצט, געזוכט אין בארד,
זיך געצויגן די לאנגע פּיאות,
געריבן, געקנייטשט דעם גרויסן שטערן :
„כשר, אליבא דכל הדעות !"

און מיט גרויס בקיאות אויסגעפּירט,
„ס'איז דאך פּשוט א קל־וחומר !"



מיט א ניגונדל געברומט דעם „מה דאך",
בייסנדיק זיך שפּיץ בארד און ויאמר :

„אז דער פרנס אליין איז א שרץ,
וועלן זיך שרצים פלאדיען ממילא;
אז ר'קאן האבן אייגענע, וואס ברויך ער
פרעמדע ? וואס איז דאס פאר א מין שאלה ?"

און אזוי איז טאקע דער דין געבליבן !
איי, האבן זיי זיך גענומען מערן
די כלערליי שרצים ורמשים,
און דאס געפלאדיע טוט נישט אויפהערן.

ה.

אפּגעפּאסט, המנען אפּגעשלאגן,
גענומען שוין די ערשטע כוסה,
בלייבט ער זיצן מיט פארשווארצטן שטערן,
מיט אויגן אויפגעריסן גרויסע :

א נס, „ליהודים היתה אורה",
„און א תענית גאר מיצקע דרינען"?
ער רייבט דעם שטערן, ער הייבט די ברעמען :
„ווי לייגט זיך אזוינס אויפן זינען ?"

אמת טאקע ס'שטייט „ונהפוך הוא"
אבער פארדרייט צו זיין איינגאנצן"?
גיסט ער נאכאמאל אן און די אויגן,
מיט גרויס חכמה אנגעגאסן גלאנצן.

„יא, אז בני אברהם יצחק ויעקב,
אומברענגען, אויף גאלגאן אויפהענגען,
מוז מען פאסטן — — מיט אזעלכע מעשים,
קאן מען קיין משיחן נישט ברענגען."

* * *

נעבן ביי : פארוואס נאך „שפוך חמתך",
גלויביק „לא לנו" גראד מ'נעמט זאגן ?
— נישט צו די „גויים", צו געצן־דינער,
דעם גרים־צארן אין הארץ מיר טראגן.

ו.

ס׳האט דער פורים־רב געזאגט און געזאגט,
ממש כמעין המתגבר געווען —
אן אויפגעפראפטע פלאש שאמפאניער וויין,
א קנאל — א ווארט, פארן מויל דעם שוים געזען.

מקטן ועד גדול נישט געשוינט,
און יעדן אריינגעזאגט וואס אין דער קארט;
פלוצלינג ווי א בור שאין בו מים,
ווי א שטיין, ווי א פעלז — ער שווייגט, קיין ווארט.

מ׳גיסט איין כרמל, פוילישן מעד, וואדקא,
פייערדיקן 90קער אין א טיי־גלאז;
ער זיצט אויף טריפה א געקוילעטער,
א גאלאגאנסקער האן אראפגעלאזט די נאז.

האט מען זיך גענומען מאכן דעם פונש!
ווי נאר דעם ריח־נחוח פון אראק דערשפירט,
און זע די שווארצע אפלען נעמען ברענען!
ווי זיינע ליפן ס׳ערשטע גלאז קוים באריַרט.
האבן זיין מויל פערל גענומען שיטן —
האט ער דען נישט היינט אויסגעטרונקען א ים?
אין דער צייט ווי א פיש ר׳האט געשוויגן,
אויפן תהום געגורקעוועט מן־הסתם.

מ׳קאן פול מאכן א צעריסענעם זאק?
אבער דאך נאך נאכזאגן דאס לעצטע ווארט,
און נישט עפעס דארט א לאנגן פלפול,
נאר פשוט א טייטש בלויז, א פשט אויפן ארט:

„מלה בסלע ושתיקן בתרין“—
איין ווארט קאן אמאל טרעפן ווי א שטיין!
שווייגן אבער קאן זיין ווי צוויי שטיינער!!
א גאנץ יאר שווייג איך, און ציל אין מיר אריין . . .“



נעט רובין

## די אקטריסע עלען ווינאגראד

ס׳איז אן אנגענומענע טראדיציע ביי אונז יידן מקיים צו זיין די מצווה פון ביקור־חולים, אויב עמיצער פון דער משפחה אדער א גוטער פריינט



ווערט, חלילה, קראנק.

אזא „אומאנגענעמע“ מצווה איז מיר באשערט געווען צו טון, דערוויסנדיק זיך אז מיין פריינדין, די שוישפילערין עלען ווינאגראד, איז קראנק. און ווען מען זיצט אפ פיר שעה ביים בעט פון א חולה און מען קוקט זיך צו ווי זי ראנגלט זיך אין יסורים, ווערט איינעם אויפן הארצן מרה־שחורהדיק און מען גייט אוועק מיט א תפילה אויף די ליפן: „רבונו־של־עולם, שיק איר צו א רפואה־שלימה, זי זאל וואס גיכער געזונט ווערן!“ ווייל עלען ווינאגראד און איר מאן, סעם גאלדבערג, זענען היינט־צו־טאג די איינציקע יידישע שוישפילער אויפן ליטעראַרישן מארק — מיט זייערע אפטע קאנצערטן פון יידישן פאלקסליד אין קאנוועי־האל און ביי די שבת־נאכמיטאגס פון „פריינט פון יידיש־לשון“, אונזער ביסל גייסטיקייט דא אויף דעם געביט.

עלען ווינאגראד האט אלס פופצן־יעריק מיידל אין פוילן, אנגעהויבן שפילן יידיש־טעאטער. זי איז געקומען פון לאדזש שוין ווי א גוט־באקאנטע אקטריסע און ביי אונז דא אין גרענד־פאלעי געשפילט מיט מארק מארקאוו און עטא טאפל און מאיר צעלניקער און אלע לאנדאנער שוישפילער.

א דאנק אייך, חברטע עלען ווינאגראד, פאר דעם גייסטיקן פארגעניגן, וואס איר פארשאפט דעם עולם ביי די „ליטעראַרישע שבת־נאכמיטאגס“ פון „פריינט פון יידיש־לשון“, איבערהויפט מיט די לידער, „80 ער און 70 זי“, „רייזעלע“, „יאנקעלע“ און „טוישט מיר אפ א 25ער“.

עלען ווינאגראד און סעם גאלדבערג זענען אויך ארויסגעטרעטן מיט גרויס דערפאלג אין פראנקרייך און אין אמעריקע. זי האט אויך א חוש פאר שרייבן עסייען איבערן יידישן טעאטער, אפט געדרוקט אין זשורנאל „לשון און לעבן“.

מיר ווינטשן דער אקטריסע זי זאל באלד און ווייטער קאנען אנגיין מיט ארבעט צוזאמען מיט איר ליבן מאן, דעם זינגער און קאמיקער, סעם גאלדבערג. א רפואה שלימה!

אסקאר טאפער

## עלעגיע נאך א פארלוירענעם עדווארד

צוריק זי איז געקומען אין אונזער לעבן אריין
אין א זומער־דעמערונג פארן רעגן.
און ווידער געברענגט מיט זיך
דעם טויט־קאלטן הארבסט ווען מיר צום ערשטן געטראפן.

געליבט האט זי מיין ברודער
אין ווייט יענע גאלדענע טעג:
ווען געלאכט און געטאנצט
און פארלוירן זייער יוגנט זיי האבן
דורך אין־סופיקער אייביקייט פון דער מלחמה.

מיר האבן זיך געטראפן נאך זיין טויט.
צוזאמענגעבראכט דורך געמיינזאמער ליבשאפט
אונזערער פארן צעשמעטערטן גוף
צעריסענעם אויפן פליגללאזן געשטעל
פון זיין אמאל גלאנציקן רייטוואגן.

מיר'ן זיך געטראפן און צעשיידט אויף אונזערע וועגן
געשלאסן בלויז אין אן אויגנבליק פון יאוש
ביי פוילנדיקע זכרונות
פונם נוצלאזן פלייש וואס איז געלעגן
אויף א גאנץ קליינעם בית־עולם.

ביז אצונד.

צעוויינט האב איך מיך ס'לעצטע מאל ווען לעצטנס מיר זיך געטראפן;
דער סוף איז דאס געוועזן פון קינדהייט.
דאך ווידער א מאל געוויינט האב איך היינט ביינאכט
ווען א לעבעדיקן זי האט אים צוריקגעברענגט.
און אפשטעלן די טרערן איך האב נישט געקאנט
ווען ר'איז אויפסניי געשטארבן
ווען זי איז אוועק.

פון ענגליש איבערגעזעצט,

א. אלמוג

שאול טשערניכאווסקי

## תפילין (פראגמענט פון „ברוך פון מאגענצא“)

פלוצים . . .
זענען מיינע יונגע יארן
לעבעדיק פאר מיר געשטאנען; א יונגל,
נאך נישט בר־מצווה געווארן.

און אצונדער צום ערשטן מאל,
צום ערשטן מאל אין מיין לעבן,
קניפ איך דעם של־יד צו מיין האנט; אוי!
ר'זאל נאר נישט א פאל געבן.

ווארום יונג ווי איך בין, ווייס איך,
אז אין שיל אלע מיט אמאל



באאבאכטן מיך; ווער איך דאך גאר איצט
שוין איינער פון זייער קהל.

און איך זע דעם פנים פון מיין טאטע
ליכטשטראלנדיק פון גרויסער פרייד;
א פריילעך ציטערן, הייליקער שרעק
דעמאלט דורך מיין קערפער גייט.

כ'נעם אויף מיר דעם יאך פון תורה,
פון בורא וואס מיך שטיצט;
מיין זעל מעכטיק געשפאנט, קיינער
איז גליקלעך ווי איך איצט.

איך צייל . . . איינס, און צוויי, און דריי, און פיר,
און פינעף, און זעקס, און זיבן;
די רצועה שניידט אין מיין פלייש אריין,
דערונטער בלוטפלעקן געבליבן.

מיין ארעם שמארצט, אבער מיין הארץ,
ווי פיש אין וואסער, וואקסט העכער;
לעדער־ריח, שארפער, זיסער ריח,
שטייגט אין די נאזלעכער —
וארשתיך לי לעולם.

פון עברית
**מאיר גערטנער**

א בר־מצוה־מתנה
פאר זיין זון
**דוד יותם**
לאנדאן, פרשת זכור תשל"א

---

**עמיל טרענער** און **זשעני** — מיר ווינטשן צו זייער גאלדענער חתונה,
זיי זאלן דערלעבן די דימאנטענע מיט גרויס נחת און פרייד.
א נ. שטענצל און י ה. בינענפעלד

---

## לאנדאנער קולטור ידיעות (המשך)

די אקטריסע און זינגערין עלען ווינאגראד, די פרוי פונם זינגער און אקטיאר סעם גאלדבערג איז נאך א שווערע קראנקהייט געשטארבן.

נישט נאר די ציוניסטישע ארגאניזאציע, נאר אונזער גאנצע יידישע קהילה איז מיטבאטייליקט אינם טרויער, איבער נפטר ווערן פון פראפעסאר בענטוויטש, א סך יארן געווען פראפ. אין ירושלים אוניווערזיטעט און דר. פאקס, דער פרעזידענט פון די יידישע טאג־שולן אין לאנדאן.

מיטן נפטר ווערן נאך א שווערער אפעראציע פון שרייבער יעקב ריכטיגער האט אונזער יידישלעכער ישוב געליטן א גרויסע אבדה. מיר האבן פארלוירן א גרויסן מלומד און תלמיד חכם; בפרט מיר פון די „יידישע שבת־נאכמיטאגס״, וואו ער האט אפט גערעדט איבער פילאזאפישע פראגן, איבער יידישער געשיכטע. ער איז געווען כמעט 20 יאר א שטענדיקער מיטארבעטער אין „לשון און לעבן״ — חבל על דאבדין! אונזער טיפע מיטלייד צו דער פרוי, טעכטער און איידעמס.

די אנגעזעענע רבנים אין לאנדאן, דיין שטיינבערג, דיין קראוז, דער ראש־ישיבה שמחה זיסל לאפיאן, זענען פארגאנגענעם חודש נפטר געווארן. פאר אונזער יידישן ישוב דא, אן אבידה שאינה חוזרת.

ווי אלע יאר פייערן מיר דעם יום־העצמאות, דעם צווייטן שבת נאך פסח.

דאס בארימטע ספרים־געשעפט, שאפירא און וואלענטיין, וואס האט עקזיסטירט איבער 150 יאר און זיך פארנומען מיט רומ״ל ספרים, העברעאישע, יידישע און ענגלישע ביכער, האט זיך פארמאכט דעם חודש. די געשיכטע פון דעם געשעפט, וואס איז געווען דער ערשטער פארלאג פון „דזשואיש קראניקל״ און האט אויך ארויסגעגעבן וויכטיקע ספרים, מחזורים, סידורים און אפילו מאדערנע יידישע ביכער — זיין לעצטער בעל־הבית איז געווען שמעון אבראמסקי, איצט דאצענט פון יידישער געשיכטע אויפן לאנדאנער אוניווערזיטעט—די געשיכטע איבער דעם בארימטן ספרים־געשעפט מוז נאך אנגעשריבן ווערן.

אויף דער בר־מצווה סעודה פון הבחור דוד יותם, דעם בן יחיד פון ד״ר מאיר און טעא גערטנער, איז געווען א ראנדעוואו פון דער עליטע און גייסטיקייט פון יידישן לאנדאן.

סעם דרין, וואס געפינט זיך איצט אין לאנדאן אויף א באזוך פון אמעריקע, האט ביי די יידיש־ליטעראַרישע שבת־נאכמיטאגס דערציילט פון דארטיקן יידישן לעבן.

קלארא פרידמאן, וועמענס בילדער שוין געווען אויסגעשטעלט אין דער וויטשעפל־לייברי, גרייט־צו א גרויסע אויסשטעלונג. צווישן אירע איבער 100 בילדער געפינען זיך א סך יידישע און ישראל מאטיוון.

פארגאנגענעם חודש ביים שבת לכבוד פורים, געווידמעט יידישן הומאר, האט מען פארגעלייענט א הומארעסקע פון ווענדראף, וואס מאסקווער יידן און יידישע שרייבער דארט האבן איצט געפייערט זיין 94־סטן געבוירן־יאר.

די „לאנדאנער טעאטער גרופע״ האט אויפגעפירט א יידישע קאמעדיע „א פריילעכע משפחה״ אין ברעדי־קלוב אין ווייטשעפל, דאס שפילן האט גאר שטארק אויסגענומען.

בעקי גאלדשטיין, „די מאמע״ פון יידישן טעאטער, איז אין עלטער פון 94 יאר דעם חודש געשטארבן.



# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 7־8 (העפט 389־90) 32סטן יאר יולי־אוגוסט לאנדאן, 1971

אינהאלט

„שערי־ציון״ באלאדע, ירושלים א.א. ........ *** 3
דריי און צוואנציקסטע יאר מדינת־ישראל ........ ח. נ. בענקוויטש 10
א טרויעריקע דאטע! ........ אסתר ערלעכמאן 12
בערעלע דער טרעגער (דערציילונג) ........ שמעון ווזעק 13
די הויפטזאך איז רייפקייט (דערציילונג) ........ וויליאם גאלדמאן 16
דער עגאאיסט (ליד) ........ עלא זילבערג 23
דער נייער אנהייב, שוואנען־געזאנג־באלאדע ........ א. נ. שטענצל 23
י. ל. פיין ע״ה ........ אייזיק גאלדבערג 33
א שלעכט באצאלטע רעקלאמע (סאטירע) ........ ש. 36
לאנדאנער קולטור ידיעות
יידיש ליטעראַרישע שבת־נאכמיטאגס

אבאנאמענט־פרייז :—26 שילינג פאר א יאר
אין אויסלאנד :—8 דאלאר א יאר

מיר בעטן צו מערקן די נייע אדרעס פון רעדאקציע :־
7 Greatorex House, Greatorex Street, London, E.1, England

מיר בעטן אונזערע אבאנענטן, זיי זאלן צושיקן זייער אבאנאמענט אפצאל. דערמיט וועלן זיי פיל פארלייכטערן אונזער אויבעט. שיקט צו ראש־השנה־ווונטשן פארן קומענדיקן נומער

*Published and Edited by* A. N. Stencl, *7 Greatorex House, Greatorex Street, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Street, London, E.1.*